בס"ד

בחקותי תשפ"ד
גליון 192

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינְדער זָאלְט איר מוֹדיעַ זיין
וָואס דָא הָאט זיך גִיטָאן (שיהרי"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אוּנְזֶער זִיסֶער חֵלֶק

די וָואך הֵייבְט די תּוֹרָה אָן "אִם בְּחֻקּוֹתַי תֵּלֵכוּ" אַז מֶען וֶועט הִיטְן די תּוֹרָה וֶועט קוּמֶען גָאר גוּטֶע בְּרָכוֹת און מַתָּנוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶּער "וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ" – אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן" וֶועט קוּמֶען חָלִילָה פַּארְקֶערְט.

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק "עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ - פַּארְוָואס אִיז דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ חָרוּב גֶעוָוארְן"? מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן די קַשְׁיָא פוּן אַלֶע חֲכָמִים און נְבִיאִים בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַיֹּאמֶר ה' עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי - וַוייל די אִידְן הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט אֲשֶׁר די תּוֹרָה". חֲזַ"ל זָאגְן אַז דָאס מֵיינְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָאגְט 'בִּרְכַּת הַתּוֹרָה' פַּארְן לֶערְנֶען.

אַלֶע וואוּנְדֶערְן זִיךְ, די חֲכָמִים הָאבְּן דֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז די אִידְן הָאבְּן פַּארְלָאזְט די תּוֹרָה און מִצְווֹת און עֶס קֶען וֶועגְן דֶעם קוּמֶען אַ חוּרְבָּן? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ קְלָאר גֶעזָאגְט "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ.. וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ".

נָאר וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפְּרֶעגְט די חֲכָמִים: "פַּארְוָואס אִיז דָאס לַאנְד חָרוּב גֶעוָוארְן?" הָאט עֶר מִיט דֶעם קַשְׁיָא גֶעוָואלְט עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ טוֹבָה און אַ תַּכְלִית פוּן די קַשְׁיָא. מִיר זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען גוּטֶע עֵצוֹת. "וְויאַזוֹי קֶען אִיךְ יֶעצְט פַּארְרֶעכְטְן אַלֶע קִלְקוּלִים וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם חוּרְבָּן?" און די טִיפֶע שְׁאֵלָה הָאבְּן די חֲכָמִים נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּ עֶנְטְפֶערְן. וַוייל וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשֶׁען אִיז דָאךְ שׁוֹין גֶעשֶׁען! וָואס אַ חִילוּק פַּארְוָואס און דוּרְךְ וֶועם אִיז עֶס חָרוּב גֶעוָוארְן, סְ'אִיז דָאךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט דָא?

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער יָא גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן טִיפֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן, מֶען זָאל גוּט פַּארְשְׁטֵיין ווִיאַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שָׁאדְנְס וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם חוּרְבָּן, און טַאקֶע נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעקֶענְט דָאס מְגַלֶּה זַיין וַוייל סְ'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר טִיף אַז מִיר וָואלְטְן נִישְׁט גֶעקֶענְט דָאס אַלֵיין פַּארְשְׁטֵיין.

סְ'אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז די אִידְן הָאבְּן לַיידֶער עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף

אויף זייט 3



גְרוֹיסֶע עֲבֵרוֹת און גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אָבֶער טִיף טִיף הָאט זֵייעֶר הַארְץ נָאךְ גֶעבְּרֶענְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וַוייל "גְרוֹיסֶע וַואסֶערְן און טֵייכְן קֶענֶען נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אִידְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן".

דֶערְפַאר וָואלְטְן דִי אִידְן זִיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְקְן צוּ לֶערְנֶען כָּאטְשׁ אַבִּיסֶעלֶע הֲלָכוֹת אֲפִילוּ אֵיינְס צְוֵויי, יֶעדְן טָאג, אָבֶער לַיידֶער הָאבְּן דִי אִידְן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעטוּן, "וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי" זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעלֵייגְט דָאס אוֹיעֶר צוּ הֶערְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס קוֹל וָואס שְׁרֵייט אִין הַארְץ פוּנֶעם אִיד יֶעדְן טָאג און יֶעדְן צַייט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן. מֶען דַארְף צוּלֵייגְן דָאס הַארְץ צוּהֶערְן דָאס קוֹל, כָּאטְשׁ צוּ 'וֶועלְן און בֶּענְקְן' צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וַוייל אֲפִילוּ דִי רָצוֹן אִיז גָאר טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

זֵייעֶר עִיקָר חִסָּרוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז "וְלֹא הָלְכוּ בָּהּ – שֶׁלֹּא בָּרְכוּ בַּתּוֹרָה תְּחִלָּה". דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִי אִידְן זֶענֶען זִיכֶער נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת און אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶער עוֹל אוֹיף אֵיינְמָאל, זֵיי הָאבְּן זִיכֶער נָאכְן חוּרְבְּן נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל, אָבֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעפְרֵייט מִיט דִי תּוֹרָה צוּ דַאנְקְן און לוֹיבְּן שְׁטֶענְדִיג הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲסָדִים אַז עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער און מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצָר דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אוּנְזֶער לֶעבְּן, וָואס דֶערְפַאר זָאגְן מִיר דִי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן אוֹיף אוּנְזֶער זִיסֶער חֵלֶק און גּוֹרָל וָואס מִיר הָאבְּן גֶעוִוינֶען.

דֶערְפַאר דַארְף מִיר הַיינְט וִויסְן צוּ זַיין זֵייעֶר נִזְהָר מִיט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן דַארְף עֶר נָאכְאַלְץ זַיין גֶעווָאוֹינְט צוּ דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי בִּיסֶעלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר פַארְמָאגְט נָאךְ, דִי בִּיסֶעלֶע תּוֹרָה און דִיבּוּרִים וָואס עֶר רֶעדְט נָאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

יֶעדֶער פוּן אוּנְז זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט עֶפֶּעס אַ קְלֵיין נְקוּדָּה וָואס עֶר קֶען. מִיר זֶענֶען דָאךְ בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת און נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַ קַבָּלָה וָואס קֶען אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס גַאנְץ קְלֵיין וֶועלְן מִיר זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם קַבָּלָה און מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם.

און מִיט דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן וֶועג פוּן דַאנְקְן אוֹיף דִי בִּיסֶעלֶע וֶועט מֶען קֶענֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיג לַאנְד און צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס וֶועט בִּמְהֵרָה גֶעבּוֹיט וֶוערְן אָמֵן.

דֶעם שַׁבָּת עֶנְדִיגְט מֶען סֵדֶר וַיִּקְרָא, אַלֶע שְׁרֵייעֶן חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק! מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶוען מִיר הַאלְטְן אַ שַׁבָּת נָאךְ ל"ג בָּעֹמֶר וֶוען מֶען הָאט קְלָאר גֶעזֶען אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז זֵייעֶר שְׁטָאלְץ מִיט זֵייעֶרֶע צַדִּיקִים און הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, וִוי ר' נָתָן טַייטְשׁ אוֹיף רַשִׁ"י שֶׁתִּהְיוּ עֲמֵלִים בַּתּוֹרָה וְלָדַעַת מִדְרָשׁ חֲכָמִים אַז דָאס מֵיינְט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'. אִיז נָאךְ זִיכֶער דָא דִי הַשְׁפָּעוֹת, בִּפְרָט רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס עֶר אִיז דָאךְ אַ בְּחִינָה פוּן שַׁבָּת. זַיין כֹּחַ און זַיין צִדְקוֹת זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֵיין צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת און הַשְׁפָּעוֹת. אַן עֶקְסְטֶערְן מַזָּל טוֹב וואוּנְטְשְׁן מִיר פַאר אַלֶע חַאלַאקֶע אִינְגְלֶעך.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער און זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן שֶׁעפְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי.

(ע"פ לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פְּרִיקָה וּטְעִינָה ד')

# הֲפָּצָה קינדער




## שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, בִּיטֶע זִיךְ פָאַרְשְׁטֶעלְן פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט לֵייעֶנְרְס.

אִיךְ הֵייס נַחְמָן ש. צֶען יָאר אַלְט, אִיךְ וואוֹין אִין צְפַת, דָארְט הָאט מַיין טַאטֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶפֶענֶען אַ הֲפָּצָה שְׁטִיבְּל צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן זַיינֶע תַּלְמִידִים.

## וֶוען אוּן וְויאַזוֹי הָאט דַיין טַאטֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי הֲפָּצָה ווִינְקְל?

עֶר הָאט גֶעעֶפְּנְט דִי הֲפָּצָה שְׁטִיבְּל ווִינְטֶער (תש"פ) בְּשַׁעַת דִי קָארָאנֶע הָאט גֶעבּוּדְשֶׁעוֶועט. דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶס פֶעלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיס, ווִיבַּאלְד דָארְט אִין שׁוּל הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט גָאר אַסַאךְ אִידְן טֶעגְלִיךְ, מֶען הָאט גֶענוּצְט סַיי דִי שְׁטִיבְּלֶעךְ אוּן סַיי דִי מִקְוֶה, אִיז עֶס גֶעוֶוען גָאר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אַרֵיינְצוּבְּלָאזְן חִיּוּת אִין אִידְן, בִּפְרָט וֶוען אִין גָּלִיל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁטַארְקֶע הֲפָּצָה ווִי עֶס אִיז הַיינְט ב"ה פַארְהַאן.

## וואס אִיז פּוּנְקְט דַיין טַאטֶע'ס הֲפָּצָה אוֹיפְגַאבֶּע?

בְּעֶצֶם אִיז זַיין אַרְבֶּעט פּוּנְקְט ווִי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע גֶעשֶׁעפְט (דֶער חִילוּק אִיז נָאר אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט... אוּן עֶס אִיז אַן עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ) עֶר דַארְף בַּאשְׁטֶעלְן דִי סְפָרִים, אָפְּנֶעמֶען סְפָרִים, טְרָאגְן בְּרֶענְגֶען, סֶערְווִירְן דִי קְלִיעֶנְטְן ווֶעלְכֶע קוֹיפְן סְפָרִים, מַאכְן זִיכֶער אַז עֶס פֶעלְן נִישְׁט קַיין סְפָרִים. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר בְּקֶשֶׁר מִיט גָאר אַסַאךְ מְפִיצִים אִיבֶּערְן גַאנְצְן לַאנְד, ווֶעלְכֶע הֶעלְפְן זִיךְ זֵייעֶר אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן.

## ווֶעלְכֶע סְפָרִים גֵייט אַסַאךְ?

אִיךְ ווֶעל זָאגְן וואס דִי קִינְדֶער קוֹיפְן. עֶס גֵייט זֵייעֶר גוּט דִי קַארְטְלֶעךְ פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת מִיט בִּילְדֶער. יָא, קִינְדֶער קוֹיפְן חַק בְּרֶסְלֶב, אוֹצְרוֹת הַנַּחַל, אֲפִילוּ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הַמְחֻלָּק גֵייט זֵייעֶר גוּט פַאר קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען אוֹיךְ דָא קִינְדֶער ווָאס קוֹיפְן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת! אִין דִי הֵיימִישֶׁע חֲדָרִים אִין צְפַת לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶב'עֶ קִינְדֶער זֵיי קוּמֶען גָאר אַסַאךְ קוֹיפְן.

עֶס זֶענֶען אוֹיךְ דָא אַסַאךְ מָאל ווֶען אִידְן קוּמֶען קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר בַּר-מִצְוָה בָּחוּרִים, קוֹיפְט מֶען זֵיי אָדֶער אַ מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ, אַמָאל קֶען מֶען זֵיי קוֹיפְן אַ בִּיכְל ווִי שַׁלְהֶבֶת בַּכִּפּוּר א.ד.ג.

## עֶס קוּמֶען נָאר בְּרֶסְלֶב׳ע אִידְן קוֹיפְן?

גְרַאדֶע קוּמֶען גָאר אַסַאךְ סְתַם חסיד׳ישֶׁע אִידְן, סַיי קֶענֶען קוֹיפְן אַזֶעלְכֶע סְפָרִים ווִי: כִּתְבֵי רַבֵּינוּ, כִּתְבֵי רֶבִּי נָתָן, לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דֶער עִיקָר מַאכְן זֵיי זִיכֶער עֶס זָאל נִישְׁט אוֹיסְזֶען ווִי אַ מָאדְנֶע סֵפֶר, נָאר מִיט אַ שֵׁיינֶע דֶעקְל. עֶס זֶענֶען הַיינְט פַּארְהַאן ב"ה גָאר שֵׁיינֶע סְפָרִים ווָאס קוּקְן אוֹיס ווִי דִי גֶעווֶענְלִיכֶע חסיד׳ישֶׁע סְפָרִים.

## ווֶעלְכֶע צַייט פוּן יָאר אִיז דִי מֶערְסְטֶע פַּארְנוּמֶען?

ר׳ נָתָן׳ס יָארְצַייט גֵייט דִי מֶערְסְטֶע. עֶס אִיז דָא דֶעמָאלְט אַ גְרוֹיסֶע אוֹיסְפַּארְקוֹיף (יְרִיד) אוּן מֶען קוּמְט פוּן גַאנְץ צְפוֹן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֵיינְמָאל אִיז אֲפִילוּ גֶעקוּמֶען אַ אִיד פוּן נְתִיבוֹת!! ווֶעלְכֶע גֶעפִינְט זִיךְ דָרוֹם פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶעמָאלְט מַאכְט מֶען בִּילִיגֶע פְּרַייזְן, סַיי פַאר שׁוּלְן אוּן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ אַ נְסִיעָה פוּן גָאר ווַייט.

## קֶענְסְט דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע גֶעשֶׁעעֶנִישְׁן אַרוּם דִי הֲפָצָה?

יָא, לֶעצְטְנְס טַאקֶע בַּיים ר׳ נָתָנ׳ס יָארְצַייט, נָאךְ אַ פִּילֶע טָאג פוּן סֶערְווִירְן דִי מַאסְן ווֶעלְכֶע הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְפָרִים, זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע חֲבֵרִים(?) פוּן מַיין טַאטְן און גֶע׳חוֹזְ׳קְט אַבִּיסְל אַז עֶר דַארְף בְּרֶענְגֶען אַ בְּרִינְקְס טְרָאק [אַ גֶעפַּאנְצֶערְטֶע טֶענְדֶער ווֶעלְכֶע פִירְט גֶעלְט צוּ בֶּענְק] זָאל אַהֵיימְטְרָאגְן דִי פִּילֶע זֶעק מִיט גֶעלְט ווָאס עֶר הָאט כְּלוֹמֶרְשְׁט פַארְדִינְט פוּנֶעם יְרִיד!

מַיין טַאטֶע הָאט גֶעשְׁווִיגְן און נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, ווִיסְנְדִיג בַּיי זִיךְ אַז נִישְׁט נָאר קֵיין דִירָה קֶען עֶר נִישְׁט קוֹיפְן מִיט דִי גֶעלְט נָאר עֶר דַארְף נָאךְ אַסַאךְ סַייעְתָּא דִשְׁמַיָּא עֶר זָאל נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת, נָאךְ ווָאס עֶר לֵייגְט אַרוֹיף גָאר אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט אוֹיף דִי סְפָרִים עֶס זָאל אַבִּיסְל דֶעקְן דִי בֶּענְזִין פַאר דִי אוֹיטָא...

שׁוֹין, מַיין טַאטֶע גְרֵייט זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן הֲפָצָה ווִינְקְל, ווֶען עֶס קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, פוּן דִי קָאמְפַּאנִי פוּן בְּרִינְקְס!!! עֶר הַאלְט




זַיין הַאנְט אוֹיפְן בִּיקְס אוּן פְרֶעגְט אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ: "וואוּ אִיז מֹשֶׁה פוּן דִי הֲפָצָה?" מֵיינֶענְדִיג מַיין טַאטְן.

עֶנְטְפֶערְט מַיין טַאטֶע: "דָאס בִּין אִיךְ! מִיט ווָאס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?"

"מַיין חָבֵר פוּן כְּפַר וְרָדִים הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט צוּ דִיר צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס אַ סֵפֶר פַאר אִים."

אָקֶעי נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם, מַיין טַאטֶע גִיבְּט אִים דֶעם סֵפֶר אוּן פְרֶעגְט אִים: "ווָאס אִיז מִיט דִיר?"

"אִיךְ דַארְף נִישְׁט! ס'אִיז גוּט אַזוֹי!" עֶנְטְפֶערְט דֶער מַאן פוּן בְּרִינְקְס.

אָבֶער מַיין טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט נָאךְ אוּן זָאגְט אִים: "דוּ ווַייסְט אַז פוּנְקְט ווִי דֶער גוּף קֶען נוּצְן טֶערָאפִּי קֶען

דַיין נְשָׁמָה אויךְ נוּצְן גוּטֶע טֶערָאפִּי, קוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי סְפָרִים, דָאס אִיז גוּטֶע טֶערָאפִּי!!"

"שׁוֹין, פוּן אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים וֶועלְכֶע אִיז גוּט פַאר מִיר?" פְרֶעגְט דֶער בְּרִינְקְס מַאן.

"מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ, אִיז זַייעֶר גֶעאֵייגְנְט" עֶנְטְפֶערְט מַיין פָּאטֶער.

גֶעשְׁלָאסְן גֶעשֶׁעפְט, דֶער פְּרַייעֶר אִיז אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן מִיטְן מְשִׁיבַת אִין בְּרִינְקְס טְרָאק, (זֶעט אוֹיס מֶען הָאט טַאקֶע גֶעדַארְפְט אַ בְּרִינְקְס זָאל אַהֵיימְנֶעמֶען דִי טַייעֶרֶע סְחוֹרָה...)

נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים קוּמְט צוּ גֵיין אַ אִיד מִיט אַ קַאפְּל וָואס טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ אַן אֵיידֶעלֶע אִידִישֶׁע צוּרָה אוּן וִויל קוֹיפְן עֶטְלִיכֶע סְפָרִים, מַיין טַאטֶע כַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער אוֹיסטוֹיש, דֶערְקֶענְט עֶר אִים אַלְס דֶער בְּרִינְקְס דְרַייוֶוער וָואס הָאט גֶעקוֹיפְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק!!!

יָא, וָואס אֵיין בְּלֶעטְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מַאכְן מִיט אַ פְּרַייעֶר אִיד, אַ חִלוֹנִי, אִים אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם טוֹב גָמוּר.

## דוּ אַלְס קִינְד פוּן מֵפִיץ, פַארְדִינְסְטוּ עֶפֶּעס דֶערְפוּן מֶער אַנְדֶערֶע קִינְדֶער?

פַארְדִינֶען מֶער פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער גְרַאדֶע נִישְׁט (בְּרוּחָנִיּוּת זִיכֶער יָא...) אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין סְפָרִים פוּן מַיין טַאטְן אוּמְזִינְסְט. לֶעצְטְנְס הָאט מַיין טַאטֶע מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ שֵׁיינֶע לֶעדֶערְנֶע שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים אָבֶּער נָאךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בַּאצָאלְט אַ שֵׁיינֶע פְּרַייז דֶערְפַאר! דְרֵייסִיג טֶעג גֵיין שְׁלָאפְן בַּאצַייטְנְס!

דִי וָואךְ שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען ב"ה נָאךְ אַ לַאנְגֶע הָארָאוַואנְיֶע צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוּן גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם, קֶען זַיין אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת לִילָדִים מִיט בִּילְדֶער. חוּץ פוּן דֶעם שְׁפִּיר אִיךְ גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, וַוייל דִי סְפָרִים לִיגְן נִישְׁט בִּכְלַל אִין אוּנְזֶער הוֹיז, אַלֶעס אִיז נָאר אִין הֲפָצָה שְׁטִיבְּל.

## נָאךְ עֶפֶּעס אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַרוּם דִי הֲפָצָה שְׁטִיבְּל?

דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אִיז אַז 'דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט זָאל מַאכְן מִיט מִיר אַן אִינְטֶערְוִויָא...

נָאכְדֶעם אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע אִידְן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וֶועלְכֶע קוּמֶען כְּסֵדֶר אוּן בְּרֶענְגֶען זַייעֶרֶע חֲבֵרִים צוּ קוֹיפְן סְפָרִים. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אֵיינְמָאל גֶעקוּמֶען אַ חֲסִידִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן אוּן אַרַיינְגֶערוֹימְט מַיין טַאטְן אִין אוֹיעֶר אַז עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מַיין טַאטֶע הָאט אִים זָאפָארְט גֶעגֶעבְּן אַן אוֹיסְוַואל פוּן סְפָרִים, זַייט דֶעמָאלְט קוּמְט עֶר כְּסֵדֶר קוֹיפְן פְרִישֶׁע סְפָרִים.

נָאךְ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַז דִי הֲפָצָה שְׁטִיבְּל הָאט נִישְׁט קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע שָׁעוֹת, נָאר אוֹיפְן וַואנְט שְׁטֵייט עֶטְלִיכֶע נוּמֶערְן פוּן דִי חֲבֵרִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי הֲפָצָה, דִי אַלֶע הָאבְּן שְׁלִיסְלֶעך צוּ קֶענֶען סֶערְוִוירְן דִי טַייעֶרֶע אִידְן כִּמְעַט רוֹב שָׁעָה'ן פוּן טָאג.

**אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן אָוועקְגֶעבְּן פוּן דַיין צַייט צוּ מִיטְטֵיילְן דִי שֵׁיינֶע פְּעֻלּוֹת וָואס טוּעֶן זִיךְ אָפּ אִין עִיר הַקוֹדֶשׁ צְפַת תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן (ת"ו).**

# א פשוט'ער איד

## פראוועט ניסים ביים גלעזל קאווע



אין די צייטן פון חתם סופֿר, אין פּרעשבורג, איז געווען א מיניסטער, אַ גרויסער שונא ישׂראל. איין טאג איז אים איינגעפאלן א געדאנק אז מען דארף ארויפלייגן אויף די אידן גאר גרויסע שטייערן – מס. דער מיניסטער איז געווען באקאנט מיט זיינע רשעות ער האט געקענט אנטון גרויסע צרות אנדעם וואס ער זאל פון פריער מודיע פאר די אידן אז ער פלאנט ארויסצוגעבן א פרישע גזירה.

ער האט זיך טאקע געגרייט צו ארויפלייגן דעם שטייער, און אפגערעדט מיט זיינע יועצים און אויבער יועצים אז די אידן זאלן בשום אופן נישט קענען קומען בעטן אפצושלאגן די גזירה אזוי וועלן זיי נישט קענען זוכן עצות, וועט ער זיי פריי קענען מעניש זיין און אנטון ביטערע צרות!

דער מיניסטער האט געהאט א סעקרעטאר – א מזכיר, א פיינער מענטש, כאטש ער איז געווען א גוי, האט ער געזאגט פארן מיניסטער; אזא מין שטייער לייגסטו ארויף אויף זיי?! טו זיי כאטש מודיע זיין א צייט פריער, זאלן זיי כאטשיג קענען זוכן עצות, און זיך קומען בעטן ביי דיר, דו וועסט טאקע נישט צוהערן זייער געבעט, אבער גיב זיי כאטש דעם געפיל, זיי זאלן קענען זיך בעטן!

איז געבליבן באשטימט אז דער מיניסטער וועט געבן פאר די אידן א צייט ווען מען קען זיך טרעפן מיט אים, אבער נאר צו יוצא זיין! דאס פלאץ וואו עס וועט פארקומען די אסיפה וועט נישט זיין ביי זיין ארבעט, נאר מען זאל קומען צום מיניסטער אין שטוב אריין, לאמיר זאגן האלב ניין אינדערפרי, און א האלבע שעה דערויף, ניין אזייגער איז ער שוין ביי די ארבעט. אזוי וועט עס זיין א שנעלע זאך - קוים א האלבע שעה, וועט עס זיין שנעל און גיך, און פארטיג!

דער סעקרעטאר האט נישט לאנג געווארט, גלייך האט ער מודיע געווען פאר די אידן "אזא מין גזירה איז ארויסגעקומען, קומטס בעטן! קומטס בעטן און שתדל'ען פאר אייערע ברידער!"

דער ראש הקהל איז אריינגעקומען צום חתם סופר, און בעט דעם רבי'ן: "רבי, איך דארפט גיין מיט אונז! איר דארפט זיין דער 'ראש המדברים', אז דער מיניסטער וועט זען אז א רב איז געקומען וועט ער אייך נושא פנים זיין!"

זאגט דער חתם סופר: "גיין, איך וועל נישט גיין!"

"ווער דען זאל גיין?!" פרעגט דער ראש הקהל מיט זארג:

"גייט אריין אין שול אריין. נאך מעריב, ווען דער גרויסער צבור - די מענטשן גייען ארויס פון שול, זאלט איר נעמען דעם 'איש פשוט' וואס ער איז מער תמימות'דיג פון אלעמען, ער זאל זיין דער ראש המדברים"! אזוי זאגט זיי דער חתם סופר.

דער ראש הקהל מיט זיינע באגלייטער קוקן אים אן מיט וואונדער! אבער אז דער חתם סופר זאגט, קען מען נישט זיך נישט טענה'ן און איבערפרעגן.

נאך מעריב, גייט דער ראש הקהל ארויס פון שול. איז געווען דארט א איד, וואס מען האט אים גערופן "דער שלחן ערוך", ער האט געהייסן 'אברהם', פארוואס האט מען אים גערופן 'דער שלחן ערוך'? ווייל ער האט שטענדיג געהאלטן מיט זיך דעם שלחן ערוך! ווען ער איז געגאנגען אין גאס, עפעס א שאלה איז אים שווער געווארן, האט ער שוין אפגעפונען דעם שלחן ערוך און זיך געפרעגט מעג מען? מען טאר נישט?! מען טאר נישט! מען מעג! דעריבער האט מען אים א נאמען געגעבן 'דער שלחן ערוך'!

איז ער ארויסגעגאנגען פון שול, ער איז דאך דער גרעסטער תמים, איז דען פאראן א גרעסערע 'פשיטות' ווי אזא סארט איד?! אז ער גייט נאר מיט'ן שלחן ערוך!

אוי וויי, טראכט דער ראש הקהל צו זיך... אז דער איד וועט גיין צום מיניסטער, און וועט עפענען דעם שלחן

עָרוּךְ, אוּן זִיךְ גֶעמֶען קוּקְן צוּ מֶעג מֶען יָא רֶעדְן, צוּ מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס דָארְט וֶועט פָּארְקוּמֶען?! דֶער מִינִיסְטֶער וֶועט דָאךְ וֶוערְן אִין כַּעַס! אַזַא אֵיינֶעם קְלוֹיבְּט אִיר אוֹיס פַאר מִיר?!

פַּארְפַאלְן! עֶס וֶועט מִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן זָאגְט דֶער רֹאשׁ הַקָהָל, "דֶער פָּשׁוּטֶ'ער אִיד וֶועט זַיין דֶער רֹאשׁ הַמְדַבֵּר"! אַזוֹי הָאט דֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעזָאגְט. מֶען גֵייט צוּם מִינִיסְטֶער, עֶר אִיז דֶער 'רֹאשׁ הַמְדַבֵּר', קֶען מֶען אָן אִים גָארְנִישְׁט טוּן!

דִי חַבְרַיָא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם מִינִיסְטֶער אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז דִי מִשְׁלַחַת זֶענֶען דָא! נוּ, מֶען קוּמְט אַרַיין, דֶער מִינִיסְטֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, זִיךְ אָפְּגֶעוואַשְׁן, אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט. דִי בַּאדִינֶער בְּרֶענְגֶען אַרַיין קַאוֶוע, מֶען אִיז יֶעדֶעם אֵיינֶעם מְכַבֵּד מִיט אַ קַאוֶוע.

דָא אִיז אַפִּיר גֶעקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל פְּלָאנְטֶער. אִין קַאוֶוע אִיז דָאךְ דָא מִילְךְ, וְויאַזוֹי מֶעג מֶען דָאס טְרִינְקֶען?! דֶער פָּשׁוּטֶ'ער אִיד נֶעמְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ – אוּן רוּפְט אוֹיס: "חָלָב עֲכּוּ"ם, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טְרוּנְקֶען!"

דִי מִשְׁלַחַת קָאכְן זִיךְ, "גֶעוואַלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, דָאס מֵיינְט דֶען חָלָב עֲכּוּ"ם? דִי קוּ גֶעפִינְט זִיךְ דָאךְ דָא בַּיים מִינִיסְטֶער?! אוּן אַזוֹי שַׁארְף דַארְף מֶען זַיין?! מִיר ווִילְן דָאךְ אִים עֶפֶּעס בֶּעטְן אַ זַאךְ! צוּ מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵרָה אוּן מֶען אִיז אוּנְז מְכַבֵּד מִיט אַ קַאוֶוע, 'טְרִינְקְט עֶר נִישְׁט'!

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מִינִיסְטֶער; 'וַויין' וֵוייס אִיךְ שׁוֹין אַז אִיר ווִילְט נִישְׁט טְרִינְקֶען אוּנְזֶער וַויין! 'מִילְךְ' ווִילְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט?! דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט! קוּמְט אִיר אוּנְז בֶּעטְן מִיר זָאלְן אַייךְ טוּן אַ זַאךְ, אַז אֲפִילוּ אוּנְזֶערֶע מִילְךְ ווִילְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט טְרִינְקֶען?! דֶער מִינִיסְטֶער הָאט גֶעשְׁטוּרֶעמְט פוּן כַּעַס אוּן גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דֶעם אִיד, עֶר וָואלְט אִים צוּרִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער!

אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?!...

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מִינִיסְטֶער: "נוּ, אָבֶּער אִיךְ מֶעג דָאךְ יָא טְרוּנְקֶען דִי מִילְךְ, דִי קַאוֶוע!" עֶר נֶעמְט טַאקֶע זִיךְ טְרוּנְקֶען דִי קַאוֶוע, אוּן עֶס וֶוערְט אִים נִישְׁט גוּט!! רוּפְט עֶר זָאפָּארְט אַרַיין דֶעם קָאכֶער, אוּן פְרֶעגְט אִים מִיט צָארְן אִין דִי אוֹיגְן: "וָואס אִיז דָאס?!"

זָאגְט אִים דֶער קָאכֶער: "הַיינְטִיגֶער טָאג הָאט דִי קוּ גֶעבּוֹירְן אַ 'קַאלְבּ', אוּן אַזַא טָאג טוֹיג נִישְׁט דִי מִילְךְ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען מִילְךְ פוּן אַ חֲזִיר!!"

דֶער מִינִיסְטֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין צוּקָאכְט, אוּן וֶוענְדְ זִיךְ צוּם דֶעם פְּשׁוּטָ'ן אִיד: "אָה, הָאסְטוּ פּוּנְקְט צוּגֶעטְרָאפְן, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען פוּן דִי מִילְךְ, אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט 'חֲזִיר מִילְךְ' הָאט אִיר דִי מִילְךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרוּנְקֶען!"

עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם נֵס, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ בִּין אַייךְ מוֹחֵל דִי שְׁטַייעֶר! נָאךְ אֵיידֶער אִיר הָאט עֶפֶּעס גֶעבֶּעטְן פוּן מִיר הָאט אִיר פּוּנְקְט צוּגֶעטְרָאפְן אַז דִי מִילְךְ אִיז גָאר חֲזִיר!" אִיצְטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אֵייעֶר גָאט פִּירְט דָא עֶפֶּעס אַ זַאךְ! אַז מִילְךְ אִיז אוֹיךְ אַ זַאךְ!

עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שִׂמְחָה רַבָּה אִין דִי לוּפְטְן! מֶען גֵייט צוּם חֲתַם סוֹפֵר, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים מִיט אַ שִׂמְחָה רַבָּה פוּנֶעם גְרוֹיסְן נֵס. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער רֹאשׁ הַקָהָל; 'רֶבִּי, אָבֶּער שֶׁענֶער וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דֶער נֵס וָואלְט גֶעשֶׁען דוּרְךְ אַייךְ, דֶער רֶבִּי אַלֵיין זָאל וֶוען קוּמֶען! זָאגְט דֶער חֲתַם סוֹפֵר; "נֵיין, אַז אִיךְ גֵיי – וָואלְט אִיךְ יָא גֶעהֵייסְן טְרוּנְקֶען דִי קַאוֶוע, אוֹיף אַזַא מַצָּב פוּן פִּקוּחַ נֶפֶשׁ!"

"קַיין נִסִים וַואלְגֶערְן זִיךְ נִישְׁט, נָאר דוּרְךְ אַזַא 'אִישׁ פָּשׁוּט' הָאט מֶען אוֹיבְן גֶעטוּן דֶעם נֵס!" הָאט דֶער חֲתַם סוֹפֵר גֶעזָאגְט: "נִסִים אוֹיבְן וַואלְגֶערְן זִיךְ נִישְׁט, נִישְׁט אַזוֹי גִיךְ טוּט מֶען אוֹיבְן אַ נֵס, דוּרְךְ אַזַא תְּמִימוּתְ'דִיגְן אִידְן הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּהְן דֶעם נֵס!".

נָאר דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער כֹּחַ פוּנֶעם חֲתַם סוֹפֵר, אַז עֶר הָאט גֶעוואוּסְט צוּ אוֹיסְקְלוֹיבְּן דֶעם אִידְן - וואוּ אִיז דָא אַ גְרֶעסֶער תָּמִים ווִי עֶר אִיז?! עֶר רִירְט זִיךְ נִישְׁט אָנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ!

דִי מַעֲשֶׂה הָאט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זי"ע גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט פוּנֶעם "חֲתַם סוֹפֵר'ס אַ תַּלְמִיד".

# סיפּורי מעשיות מעשה יא' - דער בן-המלך און דער בן-השפחה שנתחלפו 2

און כָּל־זְמַן דֶער 'מֶלֶךְ' אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט – הָאט עֶר נָאךְ פָּארְט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'מֶמְשָׁלָה' נִישְׁט גֶעהַאט. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, פְלֶעגְט עֶר אִים טָאן 'שְׁפִּיצְלֶעךְ'! דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַלְט גֶעוָוארְן, און אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן! הָאט 'עֶר' אָפְּגֶענוּמֶען דִי 'מְלוּכָה' [דֶער 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה', דְהַיְינוּ: דֶער 'פַאלְטְשֶׁער בֶּן־מֶלֶךְ']!

הָאט עֶר דֶעמָאלְט נָאךְ מֶער שְׁלֶעכְטְס גֶעטָאן, צוּ יֶענֶעם 'זוּהְן'ס' 'פָּאטֶער' (דְהַיְינוּ: צוּ דֶעם 'פָּאטֶער' פוּן דֶעם 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה' – וָואס צוּם 'אֱמֶת', אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער 'בֶּן־הַמֶלֶךְ' – און דֶער 'פָּאטֶער', אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען זַיין [אֵייגֶענֶער] 'פָּאטֶער' פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי 'מְלוּכָה' – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]).

און עֶר הָאט גֶעטָאן אִים שְׁלֶעכְטְס 'פַארְשְׁטֶעלְט' [מִיט אַ 'חָכְמָה'], [אוֹיף אַ וֶועג אַז] מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן אַז ס'אִיז פוּן אִים – וָוארְן ס'אִיז נִישְׁט שֵׁיין פַאר לַייט [מֶענְטְשְׁן]. און [עֶר] הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט אַלֶעמָאל 'שְׁפִּיצְלֶעךְ' – אֵיינְס נָאךְ עֶס [דָאס] אַנְדֶערֶע!

הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דֶער דָאזִיגֶער [דֶער 'טַאטֶע' פוּנֶעם 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה', דְהַיְינוּ: פוּנֶעם 'אֱמֶתֶ'ער בֶּן־מֶלֶךְ']: "אַז עֶר טוּט אִים 'שְׁפִּיצְלֶעךְ' – מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶער [דָאזִיגֶער] זַאךְ"! – (דְהַיְינוּ: וַוייל דִי וֶועלְט שְׁמוּעֶסְט: "אַז דִי 'קִינְדֶער' זֶענֶען פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן").

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, און הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'זוּהְן' (דְהַיְינוּ: דֶער 'עֶבֶד', דֶער 'מַאן' פוּן דֶער 'שִׁפְחָה' – וָואס אִים הָאט מֶען עֶס אַלְץ דֶערְלַאנְגְט 'שְׁפִּיצְלֶעךְ', כְּדֵי עֶר זָאל פַארְטְרֵייבְּן זַיין 'זוּהְן' – וַוייל מֶען זָאגְט אַז דִי 'קִינְדֶער' זֶענֶען פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), און הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי 'גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה' – און הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס 'רַחֲמָנוּת' אוֹיף דִיר"!

וָוארְן מִמָה־נַפְשָׁךְ: "[אוֹיבּ] בִּיזְטוּ אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] 'מַיין קִינְד' – הָאבּ אִיךְ זִיךְ בְּוַודְאַי גְרוֹיס 'רַחֲמָנוּת' אוֹיף דִיר".

"[און אוֹיבּ] בִּיזְטוּ אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] נִישְׁט 'מַיין קִינְד', נָאר בִּיזְט צוּם 'אֱמֶת' דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – אִיז זִיךְ [זִיכֶער] נָאךְ מֶער 'רַחֲמָנוּת' אוֹיף דִיר – וָוארְן 'דֶער' (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי 'מְלוּכָה'), וִויל זִיךְ דִיךְ גָאר אוֹיסְרַייסְן חַס־וְשָׁלוֹם – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] מוּזְטוּ עוֹקֵר זַיין (דְהַיְינוּ: אַנְטְלוֹיפְן) פוּן דַאנֶעט"!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט – און ס'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גֶעוֶוען דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ. נָאר [וָואס קֶען עֶר טוּהְן אַז] דֶער [יֶעצְטִיגֶער] 'מֶלֶךְ' [וָואס אִיז בֶּאֱמֶת דֶער 'בֶּן־הַשִּׁפְחָה'] – דֶערְלַאנְגְט [אִים] אַלְץ דֶערְוַוייל אַלֶעמָאל 'שְׁפִּיצְלֶעךְ' – אֵיינְס נָאךְ עֶס [דָאס] אַנְדֶערֶע?!

הָאט זִיךְ [דֶערִיבֶּער] דֶער 'זוּהְן' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶתֶ'ער בֶּן־מֶלֶךְ', וָואס עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן): "[אַז] עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן"! הָאט אִים דֶער 'פָּאטֶער' גֶעגֶעבְּן 'אַסַאךְ גֶעלְט' – און עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן [פַארְן 'אֱמֶתֶ'ער בֶּן־מֶלֶךְ']: "וָואס [פַארְוָואס] עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיין 'מְדִינָה' אוּמְזִיסְט"? וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט: "פַארְוָואס קוּמְט [זִיךְ] מִיר דָאס, אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן"?! "[אוֹיבּ] בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – קוּמְט מִיר בְּוַודְאַי נִישְׁט דָאס, אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן"? "און אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט דָאס, אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ 'בּוֹרֵחַ' (דְהַיְינוּ: אַ 'אַנְטְלָאפֶענֶער') אוּמְזִיסְט – וָוארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזִינְדִיגְט?! וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג"?!

הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן! – און מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם 'טְרוּנְק' – און אִיז גֶעגַאנְגֶען לְ'בֵית־הַזוֹנוֹת' (דְהַיְינוּ: אִין דִי 'שְׁטִיבֶּער' וואוּ 'הוּרְן' [זוֹנוֹת] זִיצְן)!

און עֶר הָאט גֶעוָואלְט דֶערְמִיט, זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָאהְרְן – [אַז] עֶר זָאל 'שִׁיכּוֹרְ'ן', און זָאל נָאכְגֵיין נָאךְ וָואס זַיין 'הַארְץ' גְלוּסְט – וַוייל עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן

גֶעוָוארְן אוּמְזִיסְט!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דֶער 'פַּאלְטְשֶׁער בֶּן־מֶלֶךְ', דֶער 'פַּארְבִּיטֶענֶער' – וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ') – הָאט אָפְּגֶענוּמֶען דִי 'מְלוּכָה' שְׁטַארְק! אוּן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעהֶערְט, אַז מֶענְטְשְׁן מוּמְלֶען [מוּרְמְלֶען] אוּן שְׁמוּעֶסְן עֶפֶּעס דֶערְפוּן (דְהַיְינוּ: אַז זֵיי זֶענֶען פַּארְבִּיטְן גֶעוָוארְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – הָאט עֶר זֵיי 'מַעֲנִישׁ' גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר: גֶעשְׁטְרָאפְט אוּן גֶעפַּיינִיגְט), אוּן הָאט זִיךְ אִין זֵיי 'נוֹקֵם' גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענִיגְט, בְּתוֹקֶף וָעוֹז!

וַיְהִי הַיּוֹם – אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפָארְן מִיט זַיינֶע 'שָׂרִים' – 'נַאוְולָאוְוייֶע' (דְהַיְינוּ: כַּאפְּן חַיוֹת).

אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'שֵׁיין אָרְט' – אוּן אַ 'טַייכְל וַואסֶער' אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם אָרְט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט [אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט] דָארְט, אָפְּרוּעֶן זִיךְ – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט דָארְט 'שְׁפַּאצִירְן'. הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אַבִּיסְל צוּגֶעלֵייגְט [שְׁלָאפְן].

אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק]: "דִי 'מַעֲשֶׂה' וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן – וָואס עֶר הָאט פַּארְטְרִיבְּן דֶעם 'דָאזִיגְן' אוּמְזִיסְט"!

וָוארְן מִמָה־נַפְשָׁךְ: "[אוֹיבּ] אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – [אִיז] לֹא־דַי [נִישְׁט נָאר] וָואס עֶר אִיז פַּארְבִּיטְן גֶעוָוארְן – פַּארְוָואס זָאל עֶר נָאךְ פַּארְטְרִיבְּן וֶוערְן אוּמְזִיסְט? אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – קוּמְט אִים אוֹיךְ נִישְׁט, אַז מֶען זָאל אִים פַּארְטְרֵייבְּן – וָוארְן וָואס הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט? הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' זִיךְ פַּארְטְרַאכְט אִין דֶער [דָאזִיגֶער] זַאךְ – אוּן הָאט 'חֲרָטָה' גֶעהַאט אוֹיף דֶער 'עֲבֵירָה, אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער 'עַוְולָה' – וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטָאן , אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין 'עֵצָה' גֶעבְּן: "וָואס עֶר זָאל דָא טוּהְן"?!

אוּן 'שְׁמוּעֶסְן' – קֶען מֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] זַאךְ נִישְׁט, מִיט קַיין שוּם מֶענְטְשְׁן, [אַז] מֶען זָאל מִיט אִים אַ 'עֵצָה' הַאלְטְן – (וָוארְן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ בְּוַודַאי, אַזוֹינְס צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט לַייט [מֶענְטְשְׁן])!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר פַּארְזָארְגְט גֶעוָוארְן, אִין גְרוֹיס 'דַאֲגָה'!

הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דִי 'שָׂרִים': "אַז מֶען זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן – וָוארְן וַוייל [וִוייבַּאלְד] סְ'אִיז אוֹיף אִים גֶעפַאלְן 'דַאֲגָה', בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט שְׁפַּאצִירְן" הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים!

וִוי דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים – הָאט עֶר בְּוַודַאי גֶעהַאט כַּמָה זַאכְן אוּן אִינְטְרֶעסְן – הָאט עֶר זִיךְ גֶעפָּארֶעט אִין זַיינֶע אִינְטְרֶעסְן – אִיז אִים דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ, אוֹיס אִינְזִין אַרוֹיס [אַרוֹיס פוּן גֶעדַאנְק] (דְהַיְינוּ: דִי 'דַאֲגָה' אוּן דִי 'חֲרָטָה' וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט יֶענֶעם פַּארְטְרִיבְּן אוּמְזִיסְט).

אוּן דֶער וָואס עֶר אִיז פַּארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'אֱמֶתְ'עֶר בֶּן־מֶלֶךְ') – אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן [אָפְּגֶעטָאן] וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן [אָפְּגֶעטָאן], אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט [פַּארְפַּאטְשְׁקֶעט] זַיין 'גֶעלְט' – אַמָאל אִיז עֶר אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זִיךְ 'שְׁפַּאצִירְן' – אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעלֵייגְט [שְׁלָאפְן] – אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק]: "וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן]" אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן: "וָואס הָאט עֶס גָאט [מִיט] מִיר גֶעטָאן"?! "[אוֹיבּ] בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ [בֶּאֱמֶת] דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – קוּמְט מִיר בְּוַודַאי נִישְׁט דָאס"!

"אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' – קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט דָאס דָאזִיגֶע, אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ 'בּוֹרֵחַ', אוּן אַ 'פַּארְטְרִיבֶּענֶער'"!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִין דֶער 'דֵעָה' [גֶעדַאנְק]: "אַדְרַבָּא – אַז סְ'אִיז יָא אַזוֹי – אַז 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' קֶען יָא אַזוֹינְס טָאן, אַז מְ'זָאל פַּארְבַּייטְן אַ 'בֶּן־מֶלֶךְ', אוּן סְ'זָאל אוֹיף אִים אַזוֹינְס אִיבֶּערְגֵיין – קֶער אִיךְ זֶע מִיךְ יָא אַזוֹי צוּ פִירְן [פַּאסְט דָאס זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְצוּפִירְן]? – אִיז זֶע רֶעכְט [רִיכְטִיג] וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן? – שְׁטֵייט עֶס מִיר אָן, אַז אִיךְ זָאל מִיךְ אַזוֹי פִירְן [אוֹיפְפִירְן] אַזוֹי־וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן?"!

אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרוֹיס 'צַעַר' צוּ הָאבְּן, אוּן

זייער 'חֲרָטָה' צוּ הָאבְּן – אוֹיף דִי 'מַעֲשִׂים־רָעִים' וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן! דֶערנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים, דָארְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען – אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶענוּמֶען צוּם 'טְרוּנְק'!

נָאר מַחֲמַת [ווייל] עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן 'חֲרָטָה' צוּ הָאבְּן – פְלֶעגְט אִים מְבַלְבֵּל צוּ זַיין, דִי 'מַחֲשָׁבוֹת' פוּן 'חֲרָטָה' אוּן 'תְּשׁוּבָה', וָואס ס'אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק] אַלֶעמָאל!

אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעלֵייגְט [שְׁלָאפְן] – הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמ'ט: "כַּאֲשֶׁר [אַז] אִין 'דֶעם' אוּן אִין 'דֶעם' אָרְט – אִיז [פַארְהַאן אַ] 'יְרִיד' אִין 'דֶעם' אוּן 'דֶעם' טָאג – בְּכֵן [דֶעריבֶּער] זָאל עֶר אַהִינְגֵיין – אוּן וָואס ס'וֶועט זִיךְ אִים טְרֶעפְן צוּם עֶרְשְׁטְן עֶפֶּעס אַ 'פַארְדִינְסְט' – זָאל עֶר עֶס תֵּיכֶף טָאן – כָאטְשֶׁע ס'וֶועט נִישְׁט זַיין וֶועדְלִיג [לוֹיט] זַיין 'כָּבוֹד'"!

(אַזוֹי הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמ'ט)! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט! אוּן דֶער 'חָלוֹם' אִיז אִים אַרַיין זַייעֶר, אִין דֶער' מַחֲשָׁבָה' אַרַיין – וָוארְן אַמָאל אִיז פַארְהַאנְדְן, אַז דִי זַאךְ גֵייט תֵּיכֶף אַרוֹיס פוּן דֶער 'מַחֲשָׁבָה' – נָאר דֶער [דָאזִיגֶער] 'חָלוֹם', אִיז אִים זַייעֶר אַרַיין אִין דֶער 'מַחֲשָׁבָה'. וּשְׁמִיר [אָבֶּער] פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט – אִיז בַּיי אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען, אַז עֶר זָאל דָאס טוּהְן!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּם 'טְרוּנְק' אוּן דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'חָלוֹם' – הָאט זִיךְ אִים וַוייטֶער גֶעחָלוֹמְ'ט, כַּמָּה פְּעָמִים אוּן דֶער 'חָלוֹם' – הָאט אִים זַייעֶר מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען, אַמָאל הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אִין 'חָלוֹם': "אַז [אוֹיבּ] דוּ ווִילְסְט אוֹיף דִיר 'רַחֲמָנוּת' הָאבְּן – זָאלְסְטוּ אַזוֹי טָאן (דְהַיְינוּ: עֶר זָאל גֵיין אוֹיף דֶעם 'יְרִיד' וְכוּ', כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"!

הָאט עֶר שׁוֹין גֶעמוּזְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'חָלוֹם'! אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דָאס 'אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט' וָואס עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט – הָאט עֶר עֶס אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן אוֹיף [אַוֶועקְגֶעלֵייגְט בַּיי] דֶער 'אַרְבֶּערִיג' [אַכְסַנְיָא] וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען [אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען]! [עֶר הָאט דָארְט סְתָּם אַוֶועקְגֶעלֵייגְט זַיין גֶעלְט בַּיי דִי אַכְסַנְיָא – נִישְׁט צוּלִיבּ אַ חוֹב פַאר דִי אַכְסַנְיָא. חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן סא].

אוּן דִי 'גוּטֶע קְלֵיידֶער' וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט – הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעלָאזְט [אִיבֶּערְגֶעלָאזְט], אוֹיף דֶער 'סְטַאנְצְיֶע' [אַכְסַנְיָא]!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אַ 'פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶע] מַלְבּוּשׁ' ווִי [אַזוֹי־ווִי] סוֹחֲרִים, דְהַיְינוּ: אַ 'אַפִּינְטְשֶׁע' – אוּן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף דֶעם 'יְרִיד'! – אוּן אִיז אַהִינְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען גַאנְץ פְרִי – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם 'יְרִיד'!

הָאט אִים בַּאגֶעגְנְט אַ 'סוֹחֵר', אוּן הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "ווִילְסְטוּ עֶפֶּעס פַארְדִינֶען"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא"! הָאט עֶר [דֶער 'סוֹחֵר'] אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בַּאדַארְף דָא, צוּ טְרַייבְּן [פִירְן] 'בְּהֵמוֹת' – וֶועסְטוּ זִיךְ פַארְדִינְגֶען בַּיי מִיר"?!

אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צַייט גֶעהַאט זִיךְ מְיַישֵּׁב צוּ זַיין, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'חָלוֹם' הַנַּ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – (וָוארְן דֶער 'חָלוֹם' אִיז זִיךְ גֶעוֶוען: "אַז דָאס 'עֶרְשְׁטֶע פַארְדִינְסְט', מוּז עֶר אָנְנֶעמֶען" וְכוּ', כַּנַּ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – [בְּמֵילָא] הָאט עֶר תֵּיכֶף גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא"!

אוּן דֶער 'סוֹחֵר' הָאט אִים תֵּיכֶף גֶעדִינְגֶען – אוּן הָאט תֵּיכֶף אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף אִים צוּ שַׁאפְן [זִיךְ בַּאדִינֶען מִיט אִים, אוּן הֵייסְן טוּעֶן זַאכְן], אַזוֹי־ווִי אַ 'הַאר' אוֹיף זַיינֶע 'מְשָׁרְתִים'! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְצוּקוּקְן: "וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטָאן"?! – וָוארְן צוּ אִים קוּמְט בְּוַודַּאי נִישְׁט אַזוֹי אַ [אַזַא] דִינְסְט – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ אַ אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ – אוּן הַיינְט וֶועט עֶר מוּזְן טְרַייבְּן [פִירְן] 'בְּהֵמוֹת' – אוּן עֶר וֶועט מוּזְן גֵיין צוּפוּס בַּיי דִי 'בְּהֵמוֹת'!

נָאר מְ'קֶען שׁוֹין קַיין 'חֲרָטָה' נִישְׁט הָאבְּן! – אוּן דֶער 'סוֹחֵר' שַׁאפְט אוֹיף אִים, אַזוֹי־ווִי אַ 'הַאר'! הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם 'סוֹחֵר': "ווִי [וִויאַזוֹי] וֶועל אִיךְ אַלֵיין גֵיין מִיט דִי 'בְּהֵמוֹת'"?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ נָאךְ 'הַאדַאיֶיעס' [פַּאסְטוּכֶער] וָואס זֵיי טְרַייבְּן [פִירְן] מַיינֶע 'בְּהֵמוֹת' – וֶועסְטוּ מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם גֵיין"! אוּן עֶר הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן צוּ דֶער 'הַאנְט', עֶטְלִיכֶע 'בְּהֵמוֹת', וָואס עֶר זָאל זֵיי טְרַייבְּן, הָאט עֶר דִי 'בְּהֵמוֹת' גֶעפִירְט, אוֹיס [אַרוֹיס פוּן] דֶער 'שְׁטָאט' אַרוֹיס!

:pe ________________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלעוטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (2)

**א. וואס האט פארדראסן פאר'ן אמת'ער בן המלך?**
- ❑ ווייל דער אמת'ער בן השפחה איז דער קעניג
- ❑ ווייל ער איז פארטריבן געווארן אימזיסט
- ❑ ווייל זיין טאטע האט אים נישט געהאלפן

**ב. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטאן נאכדעם?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן צו לערנען תורה אין א באהאלטעניש
- ❑ ער האט אנגהויבן שפילן אויף כלי שיר
- ❑ ער האט זיך גענומען צום טרונק

**ג. וואס האט דער קעניג געטאן ווען ער האט געהערט מענטשן שמועסן אז די קינדער זענען פארביטן?**
- ❑ ער האט זיי געווארנט אז ער וועט זיי פארשיקן
- ❑ ער האט זיך זייער געשעמט
- ❑ ער האט זיי געשטראפט און געפייניקט

**ד. וואס האט דער קעניג דארט געטוהן?**
- ❑ ער האט זיך געטובל'ט אין טייך
- ❑ ער האט געפאנגען חיות
- ❑ ער האט חרטה געהאט אויף די עבירה אז ער האט פארטריבן דער אמת'ער בן המלך

**ה. וואס האט דער קעניג געטוהן נאכדעם וואס ער איז אהיים?**
- ❑ ער האט זיך געפארערט אין זיינע זאכן און פארגעסן פון די חרטה
- ❑ ער האט נישט אויפגעהערט טראכטן פון די חרטה
- ❑ ער האט אן געכאפט די קעניגרייך מיט שטארקייט

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געטוהן ווען ער איז אמאל אליין געגאנגען שפאצירן?**
- ❑ אויסגענוצט זיינע געלט
- ❑ ער האט זיך גע'טובל'ט אין א טייך וואסער
- ❑ ער האט זיך צוגעלייגט

**ז. וואס נאך האט זיך דארט געטוהן מיט אים?**
- ❑ ער האט אנגעהויבן האבן גרויס צער און חרטה אויף זיינע מעשים רעים
- ❑ ער האט זיך נאכאמאל גענומען צום טרונק
- ❑ ער האט דארט גערעדט מיט א חבר

**ח. וואס האט ער זיך נאכדעם גע'חלומ'ט?**
- ❑ ווי ער ווערט קעניג איבער די וועלט
- ❑ ער זאל גיין צו עפעס א יריד און אננעמען די ערשטע פארדינסט
- ❑ אז דער אמת'ער בן השפחה האט חרטה אז ער האט אים פארשיקט

**ט. ווען האט ער באגעגנט ביים יריד?**
- ❑ דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ א קעניג
- ❑ א סוחר

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

**אויף וויפיל מענטשן דערציילט דער רבי אין סיפורי מעשיות - ביז דא - אז זיי האבן זיך גע'חלומ'ט א חלום?**

### תשובות אויף פאריגע וואך

**אויף וועמען זאגט דער רבי אין די מעשה און ביי מעשה ט' און י' אז ער איז געווען א "בְּרְיָה"?**

במעשה ט': דִי סוֹחְרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ קְלוּגֶער יוּנְג אוּן **אַ בְּרְיָה**. (דער חכם)

במעשה י': עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער **בְּרְיָה** צְווִישְׁן זֵיי. וָואִרין עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גִיוֶוען פוּן לַאנְג. (דער בן הבערגיר)

במעשה זו: אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גְרוֹסֶער **בְּרְיָה**. (דער בן שפחה אמיתי)

**קומענדיגע וואך וועט בעז"ה פארקומען צוויי גורלות**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02  646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

# נָאר אֵיין טְרָאפֶּעלֶע...

דער הייליגער רַבִּי הָאט אַמָאל דערצֵיילט זייער אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל:

אַ בֶּן מֶלֶךְ איז אַמָאל גְעוואָרן זייער קְרַאנְק, זַיין טַאטֶע דֶער קֶעניג הָאט אים גֶעבְּרֶענְגְט פִּיל דָאקְטוּירים זיי זָאלְן אים פְּרַאבִּירְן אוֹיסְהֵיילְן, אָבֶער זיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן און נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין הָאפֶענוּנְג ער זָאל גֶעהֵיילְט וֶוערְן. אין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג איז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם קֶעניג'ס פַּאלַאץ אַ מוֹרָא'דִיגֶער גְרוֹיסֶער און קְלוּגֶער דָאקְטֶער. דער קֶעניג הָאט זִיךְ אֵיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי אים ער זָאל אוּנְטֶערְזוּכְן דֶעם קִינְד, אֶפְשַׁר וֶועט ער אים קֶענֶען רַאטֶעוֶוען. דֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּארְן קֶעניג דֶעם קְלָארְן אֱמֶת: דֶער קִינְד איז זֵייעֶר זֵייעֶר אין אַ שְׁוֶוערְן צוּשְׁטַאנְד! עֶס איז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהֵיילְן דֶעם פְּרִינְץ, כָאטְשׁ עֶס איז יָא דָא עֶפֶּעס אַ וֶועג וָואס אֶפְשָׁר וֶועט אים קֶענֶען הֶעלְפְן, אָבֶער דִי וֶועג איז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מַאכְן, דֶערִיבֶּער וִויל ער עֶס בֶּעסֶער נִישְׁט זָאגְן דֶעם קֶעניג.

דֶער קֶעניג הָאט זִיךְ אָבֶער אָנְגֶעהַאלְטְן אין דִי קְלֵיין הָאפֶענוּנְג און אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים דָאקְטֶער ער זָאל אים יָא אוֹיסְזָאגְן דֶער וֶועג. הָאט אים דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַז דַיין קִינְד איז אַזוֹי שְׁטַארְק קְרַאנְק, אַז ער קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען קֵיין אֵיין טְרָאפּ אין מוֹיל פוּן אַ רְפוּאָה... מִיט דֶעם אַלֶעם איז דָא עֶפֶּעס אַ זֶעלְטֶענֶע טַייעֶרֶע רְפוּאָה, וָואס יֶעדֶע פְלֶעשְׁל דֶערְפוּן קֶען קָאסְטְן טוֹיזְנְטֶער מַטְבֵּעוֹת. מֶען דַארְף אָנְפִילְן אַסַאךְ גְרוֹיסֶע פֶּעסֶער פוּן אָט דִי רְפוּאָה, און בַּאגִיסְן דֶעם פְּרִינְץ מִיט פוּלֶע שִׁיסְלֶען פוּן דֶעם, כָאטְשׁ דִי אַלֶע טַייעֶרֶע רְפוּאוֹת וֶועלְן פַארְלוֹירְן גֵיין - קֶען אָבֶער זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ נָאר אָנְזַאפְּן דִי שְׁמֶעק פוּן דִי רְפוּאוֹת אינֶעם קִינְד, אָדֶער וֶועט אֶפְשָׁר דֶער בֶּן מֶלֶךְ אַרַיינְנֶעמֶען אין זִיךְ עֶפֶּעס אַ טְרָאפֶּעלֶע, און פוּן דֶעם איז מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילְט.

דֶער קֶעניג הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּנֶעם דָאקְטֶער, מֶען הָאט בַּאלְד אָנְגֶעגָאסְן מִיט דֶעם, דֶעם קְרַאנְקְן פְּרִינְץ, און דוּרְךְ דֶעם איז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעווָארְן!

דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת איז דֶער גְרוֹיסֶער גֶעוואלְדִיגֶער דָאקְטֶער וָואס בְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר טַייעֶרֶע רְפוּאוֹת פַארְן נֶפֶשׁ. דָאס איז דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת און תּוֹרוֹת וָואס דֶער צַדִּיק לֶערְנְט מִיט אוּנְז. אָבֶער מִיר זֶענֶען אַזוֹי קְרַאנְק, אַז וִויפִיל מִיר הֶערְן און בַּאקוּמֶען דִי רְפוּאוֹת, גֵייט עֶס נִישְׁט אַלֶעמָאל אַרַיין אין אוּנְזֶער הָארְץ... דֶערִיבֶּער הָאט דֶער צַדִּיק אוּנְז בַּאגָאסְן מִיט אַזוֹי פִיל תּוֹרוֹת, עֵצוֹת, שִׂיחוֹת און מַעֲשִׂיוֹת, טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע רְפוּאוֹת, אַז אֶפְשָׁר מִיט דִי צַייט וֶועט דִי הֵיילִיגֶע שְׁמֶעק זִיךְ אַיינְזַאפְּן אין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער, און מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט...

(ע"פ חיי מוהר"ן שצ"א)